ת"ת תורה ויראה
דרב"י מסאטמאר
קרית יואל
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת

# זקניך ויאמרו לך

גליון
תתס"ט
פרשת ויחי
שנת תשפ"ה לפ"ק

ז' שיח) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' עקיבא יוסף כהנא שליט"א** ר"מ בישיבה"ק ב.פ.

## עשרה בטבת שחל בערב שבת

בשנת תשנ"ד לפ"ק איז אויסגעפאלן - אזוי ווי היי יאר - עש"ק ויחי עשרה בטבת.

יענעם ליל שב"ק נאכן דאווענען האט **כ"ק מוח"ז כ"ק הרה"ק רבי הערשעלע מספינקא** ז"ל אויך געווארט ביז 7 אזייגער און הערשט דעמאלטס האט ער געמאכט קידוש ביי זיך אין שטוב און אויסגעפאסט דעם תענית. ער האט געגעסן די חלה און פיש אין שטוב. און שפעטער איז ער אריינגעקומען צום טיש מיטן ציבור און ממשיך געווען מיט די צווייטע העלפט סעודה און די זמירות לשב"ק.

איך בין דעמאלטס געווען א פרישער אייניקל אין די משפחה, ווי מ'האט מיר דעמאלטס געזאגט איז דאס געווען מנהגו בקודש אלעמאל ווען עס איז געווען אזא פאל פון עשרה בטבת שחל בעש"ק.

דריי יאר דערויף, בשנתו האחרונה עלי אדמות, עש"ק ויגש תשנ"ז, איז נאכאמאל אויסגעפאלן פרייטאג עשרה בטבת, איך האב דעמאלטס געלערנט בחברותא מיט ידידי הרה"ג ר' **ליפא פאלקאוויטש** שליט"א מנהל 'קרן שמואל ישעי', און רעדנדיג מיט אים במשך די וואך איבער דעם ענין פון מאכן קידוש פאר זיבן אזייגער, האט ער מיך מעורר געווען אז עס איז דאך א שאלה פון אריינציעהן דעם תענית עשרה בטבת, ווייל מ'טאר דאך נישט פאסטן אין שב"ק.

האבנדיג א שטארקע קרבות מיטן זיידן ז"ל, בין איך אריין צו אים אינמיטן די וואך און געפרעגט צי עס איז נישט קיין שאלה צוווארטן ביז זיבן אזייגער, אלס דער פראבלעם פון א תענית אין שב"ק. דער זיידע ז"ל איז געבליבן שטיל א ווײלע, און ער זאגט מיר "ביסט גערעכט"...

תיכף האט ער אריינגערופן מו"ח **כ"ק אדמו"ר מבית יצחק ספינקא שליט"א** און ער זאגט אים אז אי"ה דעם פרייטאג צו נאכטס וועט ער קידוש מאכן באלד נאכן דאווענען, און זאגן 'אב הרחמים וכו' ויציל נפשותינו מן השעות הרעות' פאר קידוש.

וכך הוה, באלד נאכן ענדיגן זאגן 'גוט שבת' פארן עולם, איז ער ארויף אין שטוב, און אנגעהויבן 'שלום עליכם' און געמאכט קידוש פאר זיבן אזייגער.

עס איז שווער צו זאגן וואס עס איז געווען זיין ענין בעפאר, און פארוואס ער האט משנה געווען שפעטער. ווער עס ווייסט איז ביי אים יעדעס ענין געווען אויסגערעכנט מיט מנהגים און כוונות, און עס איז זיכער אז זיין הנהגה ביז דעמאלטס איז געווען יסודתו בהררי קודש. אבער וואס עס איז זיכער דא צו לערנען פון מידת טובו וענותנותו, אז כאטש ער האט זיכער געהאט אן ענין און א סיבה אויף זיינע הייליגע הנהגות, אבער ווען א אינגער אייניקל האט אים איבערגעפרעגט דערויף, און מעגליך ער האט געקלערט אז דער ציבור פארשטייט נישט זיינע מנהגים, און מ'קען האבן א שאלה עפ"י הלכה, האט ער נישט געהאט קיין שום פראבלעם צו משנה זיין פון זיין הנהגה אלע יארן ביז היינט און זיך פירן אנדערש.

ז' שיט) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' שלום ברוך ראטבארד הי"ו** מאנטשעסטער

## חסיד'ישע ספרים פאר א בחור

בשנת תשכ"ה לפ"ק האב איך זוכה געווען צו זיין מיטן רבי'ן ז"ל אינאיינעם אויפן שיף אויפן וועג אהיים פון ארה"ק.

אין איינע פון די טעג בין איך אריין צום רבי'ן ז"ל מיט א קוויטל, און איך האב געפרעגט דעם רבי'ן אין וועלכע חסיד'ישע ספרים איך זאל לערנען.

פרעגט מיך דער רבי "וואס לערנסטו?". האב איך געזאגט "איך קוק אין ליקוטי מוהר"ן". זאגט מיר דער רבי "ס'איז נישט געמאכט פאר יעדן, ס'איז דא אזעלכע פאר וועמען עס האט געשאדט".

און דער רבי האט **אויסגעפירט "א חסיד'ישער בחור דארף לערנען 'באר מים חיים', 'סידורו של שבת', 'חובת הלבבות'... אסאך גוטע מידות"**.

ז' שכ) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ג ר' אברהם שמחה הכהן פריעדמאן שליט"א**

## שלא נבוש ולא נכלם

איך האב געהערט פון הרה"ח ר' **אהרן הכהן שעהנברון** ז"ל, וועלכער איז געווען א תלמיד פון רבי'ן ז"ל אין אורשיווא, אין יענע צייט איז געווען דער דיין אין אורשיווא **הרה"ג ר' משה הלוי ווערצבערגער ז"ל.**

האט דער דיין דערציילט אז הרה"ק רבי **משה'לע שינאווער** ז"ל האט געהערט אז עס איז דא א בעה"ב א עושר וואס פארמאגט א ש"ס פון **הרה"ק רבי ר' אלימלך** זי"ע, און רבי משה'לע שינאווער האט דאס זייער געוואלט אפקויפן, ווייל ער האט געהאט מקובל אז בשעת ווען רבי אלימלך האט געלערנט האט ער געזעהן דעם בעל השמועה עומד כנגדו, ממילא האט אזא ש"ס געהאט ביי אים א גאר גרויסע חשיבות.

יענער עושר האט ל"ע נישט געהאט קיין קינדער, האט ער געזאגט אז אויב רבי משה'לע שינאווער זאגט אים צו א א קינד איז ער גרייט צו פארקויפן דעם ש"ס.

אבער רבי משה'לע האט נישט געוואלט מבטיח זיין אזא הבטחה, ממילא האט זיך דאס געצויגן א לענגערע צייט, ביז ווען אמאל האט פאר רבי משה'לע אנגעכאפט א גאר שטארקע תשוקה צו דעם ש"ס האט ער אים געגעבן די הבטחה.

א טאג דערויף איז רבי משה'לע אריינגעקומען אין ביהמ"ד און בענות קדשו האט ער געבעטן אז דער עולם זאל מתפלל זיין אז דער איד זאל געהאלפן ווערן מיט א קינד, כדי ער זאל נישט בלייבן פארשעמט...

ז' שכא) עס דערציילט אונזער זיידע

**הרה"ח ר' משה יוסף ווערטהיימער הי"ו**

## ותגזור אומר ויקם לך

מיין מאמע האה"ח מרת שרה רבקה ע"ה אשת א"מ הרה"ח ר' **ישראל אלימלך ווערטהיימער** ע"ה, איז געווען א טאכטער פון הרה"ג ר' **חיים שלמה גאלדענבערג** ז"ל הי"ד שו"ב ומו"צ בשענדיוב, וזוג' מרת מרים ע"ה בת הרה"ג ר' **יעקב צבי הכהן** קליינמאן ז"ל בא"ב צום הייליגן ש"ך זי"ע.

דער זיידע הרה"ח ר' חיים שלמה ז"ל איז געווען שטארק מקורב ביי **הגה"ק בעל מנחת אלעזר ממונקאטש** זלה"ה. ער איז געווען זיין פריוואטער שוחט, ווען אימער דער מונקאטשער רב איז ארויסגעפארן אין די מרחקים פלעגט ער אים מיטנעמען, ווייל ער האט נאר געגעסן פון זיין שחיטה.

היות ער האט אסאך מיטגעמאכט מיט זש"ק, און עס האבן זיך נישט געהאלטן ביי אים קיין קינדער ל"ע, האט ער מזכיר געווען ביים מונקאטשער רב אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט זש"ק.

זאגט אים דער מונקאטשער רב "זאג צו אז דו וועסט האבן א מיידל וועסטו געבן א נאמען 'שרה, רבקה, רחל, לאה', וועסטו געהאלפן ווערן. די ווערטער האט באלד געצייגט אז ער וועט געהאלפן ווערן מיט טעכטער, ווייל דער מונקאטשער רב האט נישט פארגעשלאגן קיין מענערישע נעמען.

למעשה האט ער געהאט צוויי טעכטער, מיין מאמע וואס האט געהאט די נעמען מרת 'שרה רבקה', און איר שוועסטער 'רחל לאה' (אשת הרה"ח ר' שלום יוסף בן הרה"צ ר' יחיאל אלטער שטיינבערג ע"ה).ביידע האבן זוכה געווען צו אריכות ימים ביז טיף אין די ניינציגער יארן, מכח ברכתו של אותו צדיק.

ב. די באבע מרים ע"ה איז געווען א אשה חשובה וצנועה, איר לבוש איז געווען לשם ולתפארת אין ווילאמסבורג. זי האט אויך זוכה געווען צו אריכות ימים, און זי האט געלעבט דא אין אמעריקע עד זקנה ושיבה זי איז נפטר געווארן ביי די 95 יאר, עשרה בטבת תשמ"ח (היארצייט עש"ק עשרה בטבת).

איר אריכות ימים האט מען תולה געווען אין א ברכה וואס זי האט באקומען פון הרה"ק

**רבי ישכר דוב מבעלזא** ז"ל, ווען זי איז געפארן קיין בעלזא אלס כלה, און מ'האט דעמאלטס קיינעם נישט אריינגעלאזט, ווייל דער בעלזער רב האט געליטן פון א 'רויז' און ער איז געלעגן אין בעט. מ'האט אבער געמאכט מיט איר אן אויסנאן אלס אייניקל פונעם 'ש"ך'... מ'האט איר אריינגעלאזט אלס אייניקל פונעם 'ש"ך'... און דער בעלזער רב האט געבענטשט איר צירונג ליגנדיג אין בעט...

דער בעלזער רב האט איר דעמאלטס אנגעוואונטשן א הייליגע ברכה, וואס מכח די הייליגע ברכה האט זי האט זוכה געווען צו א גאר לאנגע אריכות ימים.

ז' שכב) עס דערציילט אונזער זיידע
**הרה"ח ר' יושע מענדלאוויטש שליט"א** משב"ק

<u>**אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו**</u>

איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן עטליכע באזוכן פון **כ"ק אדמו"ר מסקווירא ז"ל** ביי **כ"ק מרן רביה"ק זלה"ה.**

דער סקווערער רבי האט שוין אין יענע יארן געוואוינט אין שיכון סקווירא, און ער פלעגט צוויי מאל א יאר קומען פראווען שבתים אין וויליאמסבורג, און פארבלייבן במשך די וואך אין שטאט. עפ"י רוב פלעגט ער קומען באזוכן דעם רבי'ן אינמיטן די וואך דינסטאג, און דער רבי פלעגט אים צוריק אפגעבן דעם באזוך מיטוואך, און דאנערשטאג פלעגט ער שוין אהיימפארן.

איז געווען אמאל ווען ער איז געקומען צום רבי'ן מאנטאג, און ער האט געזאגט פארן רבי'ן אז ער האט זיך מקדים געווען צו קומען היות ער פלאנט שוין אהיים צו פארן מיטוואך.

פרעגט דער רבי "וואס איילט מען זיך אזוי דאס מאל אהיים צו פארן?", האט דער סקווערער רבי געזאגט "איך וויל מאכן קידוש לבנה אינדערהיים".

פרעגט דער רבי ווערטלדיג "וואס איז א חילוק, איז דען דא א צווייטע לבנה אין סקווירא ווי אין וויליאמסבורג?!"...

ב. רעדנדיג פון קידוש לבנה דערמאן איך זיך אז יענעם זומער תשכ"ז בין איך געווען אין שיכון סקווירא אויף עטליכע וואכן, און איך האב מיטגעהאלטן א מעמד קידוש לבנה וואס פלעגט זיין ברוב עם הדרת מלך, און נאכדעם האט דער סקווערער רבי ז"ל געטיילט לעקאך פארן ציבור. איך בין נישט אריבער אין די שורה. ווען מ'האט געענדיגט טיילן לעקאך איז דער ציבור ווידער אריבער געבן 'לחיים' בין איך יא געגאנגען אין די שורה געבן 'לחיים'.

ווען איך בין אנגעקומען צום סקווערער רבי'ן, פרעגט ער מיך תיכף 'האסט שוין געהאט מזונות?', האב איך געמוזט מודה זיין אז נישט, האט דער סקווערער רבי ז"ל רבי אנגעהויבן צו זוכן א שטיקל מזונות אויפן טיש. ביז ער האט באמערקט אז ביי בנו **כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א** ליגט נאך א שטיקל לעקאך וואס ער האט נאכנישט געגעסן, האט ער אראפגענומען א שטיקל 'קעיק' פונעם זון, און דאס מיר געגעבן, און הערשט נאכדעם האט ער געגעבן 'לחיים'.

ג. איינמאל ביי א ביקור גומלין ווען **רביה"ק** ז"ל איז געקומען צום סקווערער רבי'ן אין שטוב, איז געווען צוגעגרייט צוויי מכובד'דיגע שטוהלן כראוי וכיאות.

בשעת ווען דער רבי איז אריינגעקומען מלובש מיטן טילעפ, האט דער סקווערער רבי א בליק געגעבן אויפן בענקל און ער האט געקלערט אז דער בענקל אז זייער א שמאלער בענקל. האב איך געזעהן ווי רגע כמימרא האט ער מיט די פיס א שטויס געגעבןביידע מכובד'יגע בענקלעך, און גאר שנעל האט ער אפיר געשלעפט צוויי פשוט'ע בענקלעך פאר זיך און פארן רבי'ן אז דער רבי זאל קענען זיצן מער באקוועם.

ביים שמועס האט מען געזעהן דעם סקווערער רבי'נס הערצה צום רבי'ן, זיצנדיג אויפן שפיץ בענקל אויסגעדרייט צום רבי'ן, און דער שמועס איז געווען שטארק ידידות'דיג.

איך געדענק איין ווערטל פונעם שמועס, ווען בתוך הדברים האט דער סקווערער רבי נאכגעזאגט וואס מ'דערציילט אז הרה"ק רבי אהרן הגדול מקארלין אז ער האט געמאכט אכציג טויזנט בעלי תשובות... האט דער רבי האט רעאגירט "ווער האט אפגעציילט?!"...

ד. ווען עס איז נתייסד געווארן שיכון סקווירא תשי"ז, האט אבי מורי הרה"ח ר' ישראל בער ע"ה שו"ב אונז געזאגט "קינדער לאמיר גיין חול המועד האלטן, לאמיר גיין זעהן א נייעם אידיש שטעטל, שיכון סקווירא".

זייענדיג אין שיכון סקווירא האט ער געזאגט "עס איז נישט קיין דרך ארץ אז מיר זענען אין שטאט, אז מ'זאל נישט אריינגיין צום רבי'ן מיט א קוויטל".

איז ער אריין מיט אונז אינאיינעם מיט א קוויטל צום סקווערער רבי'ן ז"ל, און ער האט אים אויפגענומען זייער ווארעם, ווען בתוה"ד פרעגט דער סקווערער רבי "יום הקדוש האט איר געדאווענט ביים סאטמארער רבי'ן?!", האט מיין טאטע געענטפערט אז יא. האט דער סקווערער רבי געבעטן אויב ער קען אים איבערזאגן דעם רבי'נס כל נדרי דרשה.

האט מיין טאטע אנגעהויבן איבערצוזאגן די גאנצע דרשה, ווען עטליכע מאל אינצווישן האט ער רעאגירט מיט התרגשות "אזוי, אזוי?! האט ער געזאגט?!', און ער איז געווען מלא התפעלות פון די הייליגע ווערטער.

ז' שכג) עס דערציילט אונזער עלטער זיידע
**כ"ק אדמו"ר מוואלברוז–קראקא לרפו"ש**

<u>**דעם רבי'נס השפעה אויף ירושלים עיה"ק**</u>

איך בין געבוירן געווארן אין ירושלים עיה"ק, אויך מיין טאטע הרה"צ רבי נתנאל חיים זצ"ל איז שוין געבוירן אין ירושלים, זיין פאטער הרה"צ רבי שלמה יצחק זצ"ל - ער איז געווען א זון פונעם זיידן **הרה"ק רבי ישכר בער הכהן טורנהיים זצוק"ל בעל עבודת יששכר מוואלברוז** אין פוילין - ער איז ארויף געקומען פון פוילין קיין ארץ ישראל.

איך האב זוכה געווען אז **הגה"ק רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצוק"ל גאב"ד ירושלים** עיה"ק, איז געווען סנדק ביי מיין ברית. מ'האט מיר געגעבן א נאמען "יצחק אליהו שלמה", האט ער ממליץ געווען "**אשרי האי"ש שלא ישכחך**", אי"ש איז ראשי **תיבות א'ליהו** (**הנביא**) **י'צחק ש'למה.** איך בין אלט געווען דריי יאר ווען רבי יוסף חיים איז נסתלק געווארן.

איך געדענק די תקופה ווען **כ"ק מרן רביה"ק זי"ע** איז געווען אין ארץ ישראל בשנת תרצ"ב. ווען דער רבי איז געקומען דאס ערשטע מאל קיין ארץ ישראל איז מיין טאטע זצ"ל געגאנגען אים מקבל פנים זיין, און ער האט געזאגט מיט התרגשות "שלום עליך רבי ומורי"... דער טאטע האט איהם געהאלטן פאר זיין רבי, און ער האט אים מחשיב געווען ווי זיין רבי.

אלע יארן שפעטער ווען דער רבי איז געקומען קיין ארץ ישראל בין איך געגאנגען צום קבלת פנים אין חיפה. יענע וואכן וואס דער רבי איז געווען אין ארץ ישראל בין איך געווען ביי אים יעדן שבת. אויך יענעם שב"ק וואס דער רבי איז געווען אין בני ברק בין איך אויך געפארן.

בשנת תש"ו יענעם יאר וואס דער רבי האט געוואוינט אין ארץ ישראל, האב איך נישט פארפאסט קיין טיש. דער רבי האט קודם געוואוינט ביים איידעם דער סעמיהאליער רב, שפעטער איז ער געווען אין 'מאנטפיארי' געגענט. איך פלעג גיין אלע וואך צו שלש סעודות.

דער סדר איז געווען אז הרה"ח ר' הערש פינחס מאשקאוויטש ע"ה פלעגט פארזאגן א מדרש, און דער רבי האט אויף דעם געזאגט תורה.

דער רבי האט אויפגעשטעלט די ישיבה "יטב לב לפליטי הגולה", אבער די ישיבה איז אין יענע ערשטע תקופה נישט געווען אזוי צוגעפאסט פאר א ירושלים'ער בחור, עס איז געווען צובראכענע בחורים פליטים, דער רבי האט זיי אינזינען געהאט מיט פרנסות, אונזערע בחורים האבן נישט געלערנט דארט.

דער רבי האט אין יענע תקופה נישט געהאט קיין סך חסידים, און ער האט נישט געהאט קיין גרויסן עולם, אבער זיין השפעה איז געווען זייער גרויס.

עס איז היינט שווער צו גלייבן ווי אזוי ירושלים האט אויסגעקוקט אין יענע יארן, אסאך שיינע אידן זענען געווען קוק'ניקעס, חסיד'ישע אידן, ווארילע אידן, אלע זענען געווען פאר זיי. די ... חסידים, געהויבענע מענטשן זענען זיי געווען, אלעס זענען געגאנגען צו קוק, און זיי זענען געווען זיינע. הערשט ווען דער רבי איז געקומען זענען זיי צוגעצויגן געווארן צו איהם.

איר קענט זיך פארשטעלן ווי אזוי חסיד'שע אידן האבן דעמאלטס אויסגעזעהן?! מ'האט ניטאמאל געקענט אריינגיין אין זייער ביהמ"ד אין יענע צייטן, צוליב די דיבורים און דיעות כוזבות וואס מ'האט דארט געהערט.

דאס האט מען געזעהן בחוש אז עס איז געווארן א שינוי לטובה נאכדעם וואס דער רבי איז דא געווען, דער רבי האט געהאט א שטארקע השפעה בפרט אויף די בני עליה פון קארלין און ברסלב.

עס זענען געווען משפחות וואס זענען צוגעצויגן געווארן צום רבי'ן, משפחת בריזל, ר' שמואל שפירא, ר' וועלוול חעשין, פון דעמאלטס אן האט זיך געטוישט דער אוויר, מ'האט געקענט אריינגיין צו זיי אין ביהמ"ד. אלעס בכוחו פון כ"ק מרן רבינו הק' זי"ע. (נא להתפלל עבורו מזקני שארית הפליטה ומשרידי לוחמי מלחמת ה' הגה"צ רבי יצחק אליהו שלמה הכהן בן פיגא (טורנהיים) לרפו"ש)

***

**הערת המערכת:** בנוגע די מעשה וואס איז געווען געדרוקט אין גליון תתס"ו (וישב תשפ"ה) בשם הרה"ח ר' אביגדור שלום מייזעלס ע"ה, בנוגע דאס פאסטן א חתן ביום חופתו ביום כ"א כסלו.

נאך מערערע בירורים איז די מעשה נישט קלאר, עס זענען דא אנדערע גירסאות וואס עס איז גענוי געווען דער דו"ד איבער די נושא, ע"כ איז זיכער אז מ'קען זיך דערויף נישט סומך זיין אויף למעשה.

**כל הזכיות שמורות למערכת זקניך ויאמרו לך:** צו איבערגעבן הערות, סיפורי צדיקים - מנדב זיין א גליון לעילו נשמת,
אדער נעמען א טייל אינעם קומענדיגן חלק וואס גייט בקרוב אין דרוק בס"ד: ביטע רופט די מערכת **Tellerkj@gmail.com/845-783-0735**